בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים

תשפ"ה

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי מֶען מֶעסְט זִיךְ אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ?..........................................א

וָואס מֵיינְט אַז קְנָאבְּל אִיז מְסוּגָל אוֹיף לִיבְּשַׁאפְט?..................................ב

הָאט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער שַׁיְיכוּת מִיט דִי וֶועלְט נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת?.................ד

לוֹינְט זִיךְ צוּ אַנְטְלוֹיפְן פַאר אַפָּאר טֶעג? ..........................................ו

וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי מַאמֶע צֶעשְׁנַיידְט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער?........................ז

זָאל אִיךְ זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִין דִי צְנִיעוּת פוּן מַיין וַוייבּ'ס קְלֵיידֶער?.....................ח

זָאל אִיךְ רוּפְן מַיין פְּרִיעֶרְדִיגֶער בַּעַל הַבַּיִת צוּ דִין תּוֹרָה?.............................י

יֶעדֶער וֶוערְט חַתָנִים, פַארְוָואס נָאר אִיךְ נִישְׁט?.....................................יא

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

מִיט שְׂכַר לִימוּד קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוּם שְׁפִּילְן..........................................א

דִי גְרֶעסְטֶע אוּן הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ, אִיז הֶעלְפְן אַ מַאמֶע.....................................ב

גֵיי בַּאזוּכְן דַיין וַוייבּ אִין תְּפִיסָה.........................................................ב

מַיין קָאפּ אִיז צֶעדְרוּקְט פוּן דַארְפְן צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע ..........................ג

וָואס קוּקְט מֶען פַארְן זִיךְ אַרִיבֶּערְצוּצִיעֶן אִין אַ גֶעגְנְט .............................ד

זֶען נָאר גוּטְס בַּיי דִי קִינְדֶער, אוֹיךְ דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע.................................ה

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן קֵיינֶעם, טוּ וָואס אִיז רִיכְטִיג..................................ו

נָאר מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הָאט מֶען נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג ...............................ו

הֶעלְפְן אַ טַאטֶע וֶועט נִישְׁט שְׁטֶערְן פַאר דִי קִינְדֶער ............ ח

אַלֶע מַיינֶע חוֹבוֹת אִיז פַאר דִיר, פַארְוָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג? ............ ח

נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ............ ט

גֵיי מִיט צִיצִית, עֶס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען גוּטְס ............ ט

אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶונֶען שֵׁיין אוּן קְלָאר ............ יא

בִּרְכַּת מַזָל טוֹב ............ יב

אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ זוּכְן גֶעלְט צוּ צָאלְן דַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְדִים? ............ יג

וַוארְפְּסְט אַוֶועק דִי טֶעלֶעפָאן, וֶוערְסְטוּ אַ חָתָן בִּיז אַ יָאר ............ יג

זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בַּיים רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה ............ יד

אִין שְׁטֶעטְל דַארְף מֶען אוֹיךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם דִי שְׁטוּב זָאל זַיין מְקוּרָב ............ טו

דִי צַעַר וֶוען צְוֵויי גֶעטְרֵייעֶ מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ ............ טז

אַלֶע זָאלְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, אוּן רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ ............ טז

דֶער וָואס אִיז אִין מוֹחִין דְגַדְלוּת, דֶער דַארְף נָאכְגֶעבְן ............ יז

אַז מֶען קוּמְט אִין צַייט, קֶען מֶען בְּלַייבְן שְׁלָאפְן אִין דָארְמִיטָארִי ............ יח

נִפְטָר וֶוערְן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ ............ יח

בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת זָאלְן עֶנְק אָנְהוֹיבְּן מִיט דַאנְקֶען ............ כ

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן פוּן חָלָב עַכּוּ"ם ............ כ

אִינֶוועסְטִיר אִין דִי צְוֵויי זַאכְן, וֶועסְטוּ הָאבְן פַּרְנָסָה ............ כא

אַז דוּ וֶועסְט לֵייגְן תְּפִלִין, וֶועט דִיר זַיין גוּט ............ כב

הָאסְט מִיךְ מְחַיֶ' גֶעוֶוען מִיטְן אַוֶועקְוַוארְפְן דַיין טֶעלֶעפָאן ............ כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי מֶען מֶעסְט זִיךְ אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִין דִי הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע בְּרִיוְון אַז מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן אוֹיבּ עֶר אִיז בַּיי דִי קְדוּשָׁה אָדֶער בַּיי דִי טוּמְאָה, אַז אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז מֶען בַּיי דִי קְדוּשָׁה; הָאבּ אִיךְ גֶעוְואלְט פְרֶעגְן ווי אַזוֹי מֶען מֶעסְט זִיךְ אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן רַאטֶעוֶועןְ מַיין לֶעבְן, פַארְן מִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן אַז דִי עֶכְטֶע סְחוֹרָה אִיז לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן שְׁלוֹם בַּיִת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ פְרֶעגְט, מֶען זֶעט דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט, יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז גֶעזִיצְן אִין תְּפִיסָה אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם שַׂר הַמַּשְׁקִים אוּן דֶעם שַׂר הָאוֹפִים (בְּרֵאשִׁית מ, ז): "מַדּוּעַ פְּנֵיכֶם רָעִים הַיּוֹם", פַארְוָואס אִיז עֶנְקֶער פָּנִים אַזוֹי שְׁלֶעכְט? עֶנְק זֶענֶען אַזוֹי צוּגֶעלֵייגְט; פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ, וָואס זָאל אָנְגֵיין יוֹסֵף אַז צְוֵויי גוֹיִם טְמֵאִים פוּן תְּפִיסָה זֶענֶען צוּגֶעלֵייגְט אוּן דֶערְבִּיטֶערְט? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לַיידְן קַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; וַוייל

וֶוער עֶס אִיז בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ - קֶען נִישְׁט לַיידְן צוּ זֶען אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אִין עַצְבוּת אוּן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם לט, ב): "וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ", יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז גֶעוֶוען אַן אִישׁ מַצְלִיחַ, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פו, ד) עֶר אִיז גֶעוֶוען: "גֶּבֶר קָפוֹז", לִיסְטִיג אוּן לֶעבֶּעדִיג.

דָאס אִיז דִי סִימָן פוּן שִׂמְחָה, אַז מֶען מַאכְט אַ צְוֵוייטְן פְרֵיילִיךְ; אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין שְׁטוּב, מֶען שְׁמֵייכְלְט אוּן מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ אִין שׁוּל אוּן אִין אַרְבֶּעט אוּן וואוּ אִימֶער מֶען גֵייט גֶעבְּט מֶען יֶעדְן אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מג), עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי יְסוּרִים וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוּן זֵיי קֶענֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וָואס זֵיי לַיידְן. זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן פַאר אֵיינֶעם וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אָבֶער זֵיי הָאבְן נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶוערְן זֵיי אוֹיפְגֶעלֶעבְּט דוּרְכְדֶעם, "וּלְהַחֲיוֹת אָדָם אֵינוֹ דָּבָר רֵק", אוּן מְחַיֶּ' זַיין אַ מֶענְטְשׁ אִיז גָארְנִישְׁט קַיין קְלֵיינִיקֵייט, "כִּי הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כב.), אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט בַּאגֶעגְנְט רֶבִּי בְּרוֹקָא אוֹיפְן גַאס, הָאט עֶר אִים גֶעווִיזְן אוֹיף צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זֶענֶען בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא, ווייל זֵיי גֵייעֶן אַרוּם פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ מַאכְן זֵיי דָארְט פְרֵיילִיךְ בִּיז זֵיי בֶּעטְן זִיךְ אִיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס מֵיינְט אַז קְנָאבְּל אִיז מְסוּגָל אוֹיף לִיבְשַׁאפְט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת

אַהֲבָה: "הַשּׁוּם מְסֻגָּל לְאַהֲבָה", קְנָאבְל אִיז מְסוּגָל אוֹיף לִיבְּשַׁאפְט; וָואס טוּט מֶען מִיט דִי קְנָאבְל, עֶסְן? אָנְקוּקְן? וָואס דַארְף מֶען טוּן מִיט דֶעם?

אוֹיךְ אִין אוֹת אַהֲבָה חֵלֶק שֵׁנִי, זָאגְט דֶער רֶבִּי: "אַהֲבַת אִשָּׁה לְבַעְלָהּ נִכָּר בַּזְּבוּבִים וְיַתּוּשִׁים שֶׁבַּבַּיִת", וָואס אִיז דֶער פְּשַׁט, וָואס זֶעט מֶען? אוּן דֶער רֶבִּי לֵייגְט צוּ: "גַּם עַל יְדֵי אַהֲבָתָם יְכוֹלִין לֵידַע כֹּחַ הַיֵּצֶר הָרָע אִם כְּבָר נֶחֱלַשׁ אִם לָאו", מֵיינְט דָאס דֶער יֵצֶר הָרָע בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּב אָדֶער בִּכְלָלִיּוּת?

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען בִּיטֶע עֶנְטְפֶערְן.

מִיט פִיל הַכָּרַת הַטּוֹב, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, יְרוּשָׁלַיִם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אַהֲבָה, סִימָן יא)**: "הַשּׁוּם מְסֻגָּל לְאַהֲבָה", קְנָאבְל אִיז מְסוּגָל אוֹיף לִיבְּשַׁאפְט; דוּ פְרֶעגְסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן מִיט דִי קְנָאבְל? דָאס מֵיינְט מֶען עֶסְן קְנָאבְל, דָאס אִיז אַ גְמָרָא** (בָּבָא קַמָּא פב.)**, אַז עֶסְן קְנָאבְל אִיז מְסוּגָל אוֹיף לִיבְּשַׁאפְט, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר מְתַקֵּן גֶעוֶוען מֶען זָאל עֶסְן קְנָאבְל פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס וֶוען עֶס אִיז אַ צַייט פוּן לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ'.**

**דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט** (שָׁם חֵלֶק ב', סִימָן ב)**: "אַהֲבַת אִשָּׁה לְבַעְלָהּ נִכָּר בַּזְּבוּבִים וְיַתּוּשִׁים שֶׁבַּבַּיִת", מֶען קֶען זֶען בַּיי דִי פְלִיגְן אִין שְׁטוּב דִי לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, "גַּם עַל יְדֵי אַהֲבָתָם יְכוֹלִין לֵידַע כֹּחַ הַיֵּצֶר הָרָע אִם כְּבָר נֶחֱלַשׁ אִם לָאו", אוֹיךְ קֶען מֶען זֶען אוֹיב זֵייעֶר יֵצֶר הָרָע אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעשְׁוַואכְט לוֹיט דִי לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן זֵיי; דוּ פְרֶעגְסְט וָואס אִיז פְּשַׁט? וָואס זֶעט מֶען? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (בְּרָכוֹת י:)**, דִי פְרוֹי שׁוּנַמִּית הָאט גֶעזָאגְט פַאר אִיר מַאן אוֹיף אֱלִישָׁע הַנָּבִיא** (מְלָכִים-ב ד, ט)**: "אִישׁ אֱלֹקִים**

קָדוֹשׁ הוּא", דֶער גַאסְט אִיז אַ גֶעטְלִיכֶער מַאן, פְּרֶעגְט דִי גְמָרָא, פוּן וְוִי הָאט זִי גֶעוואוּסְט? זָאגְט דִי גְמָרָא צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס: "לֹא רָאֲתָה זְבוּב עַל שֻׁלְחָנוֹ", זִי הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין פְלִיג בַּיי זַיין טִישׁ, אוּן אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ הָאט זִי גֶעזֶען: "סָדִין שֶׁל פִּשְׁתָּן הִצִּיעָה עַל מִטָּתוֹ", זִי הָאט גֶעלֵייגְט אַ וַוייסֶע לַיילֶעךְ אוֹיף זַיין בֶּעט, "וְלֹא רָאֲתָה קֶרִי עָלָיו", אוּן זִי הָאט גֶעזֶען אַז עֶס בְּלַייבְּט רֵיין; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין פְלִיגְן - אִיז דָאס אַ סִימָן פוּן קְדוּשָּׁה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען זֶעט נִישְׁט קֵיין קֶרִי, אִיז אַ סִימָן פוּן קְדוּשָּׁה; דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי, אוֹיבּ אִיז דִי שְׁטוּבּ פוּל מִיט פְלִיגְן - אִיז אַ סִימָן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע פוּן נִיאוּף אִיז שְׁטַארְק אִין דֶעם שְׁטוּבּ אוּן מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַוֶועק גֵיין אַלֶע דִינִים אוּן מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה, וַוייל פְלִיגְן זֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת, אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה חֵלֶק ב׳, סִימָן ט): "עַל יְדֵי מִעוּט אֱמוּנָה", דוּרְךְ וֵוייִנִיג אֱמוּנָה - "נִתְרַבּוּ הַזְּבוּבִים בָּעוֹלָם", פַארְמֶערְן זִיךְ דִי פְלִיגְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיךְ דוּרְךְ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן פַארְמֶערְן זִיךְ דִי פְלִיגְן.

לֶערְן אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר הַמִּידוֹת אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע סְעִיף, אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער שַׁיְיכוּת מִיט דִי וֶועלְט נָאךְ זַיין הִסְתַּלְּקוּת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים נָאךְ זֵייעֶר פְּטִירָה הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קֵיין שַׁיְיכוּת צוּ דִי וֶועלְט, אָבֶּער דֶער רֶבִּי לָאזְט יָא אִיבֶּער אַ שַׁיְיכוּת צוּ דִי וֶועלְט.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיב דָאס אִיז אֱמֶת און צִי עֶס הָאט אַ מְקוֹר? און אוֹיךְ וָואס אִיז פְּשַׁט דֶערְפוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן מו): ״שֶׁהָיוּ כַּמָּה גְּדוֹלִים שֶׁכָּל אֶחָד עָשָׂה וְתִקֵּן מַה שֶּׁתִּקֵּן וְאַחַר כָּךְ נִפְסַק״, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ צַדִּיקִים וָואס וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן און מְתַקֵּן גֶעוֶוען וָואס זֵיי הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען אָבֶער נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, ״אֲבָל אָנוּ צְרִיכִים לַעֲשׂוֹת דָּבָר שֶׁלֹּא יֻפְסַק לְעוֹלָם״, אָבֶער אִיךְ וִויל מַאכְן אַזַא זַאךְ וָואס עֶס זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, ״שֶׁאֵלּוּ אֲנָשִׁים יַעֲשׂוּ אֲנָשִׁים אֲחֵרִים״, דִי תַּלְמִידִים זָאלְן מַאכְן נָאךְ תַּלְמִידִים, ״וְהֵם יַעֲשׂוּ עוֹד אֲנָשִׁים״, און דִי זָאלְן מַאכְן נָאךְ תַּלְמִידִים, ״וְכֵן לְעוֹלָם״, און אַזוֹי זָאל עֶס בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שו): ״מַיין פֵייעֶרְל וֶועט שׁוֹין טְלִיעֶן און בְּרֶענֶען בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען״.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן אַלֶע עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן זַיינֶע עֵצוֹת אִין דִי וֶועלְט, רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן פוּן אֱמוּנָה. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (שָׁם, סִימָן תקמג), דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז מְבַזֶּה זַיין פַארְוָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין ׳הֲפָצָה׳; ״וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה״, אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה הַיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, ״וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ ׳עֵצִים יְבֵשִׁים׳ עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ״, ׳טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער׳ הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער - מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואויל איז דעם וואס פארשפרייט דעם רבינ'ס עצות, די ספרים און קונטרסים וואס מוהרא"ש האט געשריבן, א סך הכל פון רבינ'ס ספרים, געשריבן אין א גרינגע שפראך, אויף לעבדה ולמעשה; דאס האט דאך דער רבי געוואלט, מיר זאלן מאכן תלמידים און די תלמידים זאלן ווייטער מאכן תלמידים, אזוי ביז מען וועט זוכה זיין צו די גאולה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

## לוינט זיך צו אנטלויפן פאר אפאר טעג?

### שְׁאֵלָה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח פאר די הערליכע שיעור פון נעכטן, עס איז געווען מורא'דיג.

דער יצר הרע האט גוט געארבעט אויף מיר, און ערגעץ פאר די שיעור האב איך געטראכט, 'איך האב מער נישט קיין כח, איך גיי אנטלויפן פאר אפאר טעג', און נאכדעם קום איך אן צום שיעור און דער ראש ישיבה שליט"א הויבט אן אזוי זיס: "נישטא וואו צו אנטלויפן..." איך האב כמעט גע'חלש'ט.

יישר כח

### תְּשׁוּבָה:

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת יתרו, חמשה עשר בשבט, שנת תשפ"ה לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דעם רבי'ס עצה'ט אונז מיר זאלן אנטלויפן צום אייבערשטן; נישטא קיין בעסערע פלאץ וואו צו אנטלויפן ווען מען האט א צרה - ווי צום אייבערשטן און צו די תורה. חז"ל זאגן (תנחומא תצא): "צריך האדם להחזיק טובה להקדוש ברוך הוא בזמן שהיסורין באין עליו, למה? שהיסורין מושכין את האדם להקדוש ברוך הוא" - א מענטש דארף דאנקען דעם אייבערשטן ווען ער שיקט אים יסורים. פארוואס? ווייל די יסורים שלעפן דעם מענטש צום

אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן): "יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסּוּרִין יוֹתֵר מִן הַטּוֹבָה, שֶׁאִילוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ עָוֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסּוּרִין נִמְחָל לוֹ" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט וִוי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט יִסוּרִים וֶועט דָאס אָפְּמֶעקְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן אָנֶעם רֶבִּי'ן... וְוִיפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַ רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד מִיר זָאלְן אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְאַמָאל קוּמֶען צוּ אִים אוּן רֶעדְן צוּ אִים, אִים דֶערְצֵיילְן וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אוּנְז.

אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי מַאמֶע צֶעשְׁנַיידְט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל וִויסְן, אוֹיב מַיין מַאמֶע לוֹיפְט נָאךְ אֵיינֶע פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער מִיט אַ מֶעסֶער אִים צוּ הַרְגְ'עֶנֶען חַס וְשָׁלוֹם, מֶעג אִיךְ אִיר אָפְּהַאלְטְן? אָדֶער עֶס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכוֹת פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם? אוּן אוֹיבּ קֶען אִיךְ אִיר נָאךְ אָפְּהַאלְטְן מִיט אַ גוּטֶע פְרַאסְק מֶעג אִיךְ עֶס טוּן? אוּן וָואס אִיז מִיט "לְשׁוֹנָם חֶרֶב חַדָּה", וֶוען אִיר צוּנְג אִיז אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד?

אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דִי טְרָאוּמֶע מִיט אַ קְרַאנְקֶע מַאמֶע וָואס הָאט מִיךְ גֶע'הַרְגְ'עֶט, נִישְׁט אֵיינְמָאל מִיט אַ מֶעסֶער (הַלְוַאי), נָאר יֶעדְן טָאג מִיךְ פוּן פְרִישׁ גֶע'הַרְגְ'עֶט; אוּן אַז אִיךְ זֶע יֶעצְט אַז דָאס חַזֶר'ט זִיךְ אִיבֶּער בַּיי מַיינֶע קְלֵיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, פַארְוָואס מֶעג אִיךְ זֵיי נִישְׁט רַאטֶעוֶוען?

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן, "שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע?!"

דָאס אִיז אַלֶעס גוּט װֶוען עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין סַכָּנָה, אָבֶער אִין דֶעם פַאל װֶוען דִי מַאמֶע לוֹיפְט אַרוּם מִיט אַ מֶעסֶער, אוּן דִי קְלֵיינֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ צִיטֶערְן, אוּן אִיךְ װֵייס אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער װָואס נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר זֵיי, מֶעג אִיךְ זֵיי רַאטֶעװֶוען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁשִּׁי פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.**

**שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע טָאר מֶען נִישְׁט, אָבֶער אָפְּשְׁטֶעלְן אַ מַאמֶע פוּן שֶׁעדִיגְן דִי קִינְדֶער - דָאס אִיז אַ חִיוּב.**

**וּבְכֵן גֵיי צוּ אַן עֶרְלִיכֶער רָב אוּן דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס װָואס גֵייט פָאר בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ, טוּ אַלֶעס װָואס דוּ קֶענְסְט צוּ רַאטֶעװֶוען דִי קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ.**

**אָפְּשְׁטֶעלְן אַלֵיין אִיז נִישְׁט גֶענוּג, דֶער רָב װֶועט דִיר זִיכֶער זָאגְן מֶען זָאל לֵייגְן דִי קִינְדֶער בַּיי אַ קָרוֹב מִשְׁפָּחָה וְכַדּוֹמֶה.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## זָאל אִיךְ זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִין דִי צְנִיעוּת פוּן מַיין װַוייבְּ׳ס קְלֵיידֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ גוּטֶע וואוּיל אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע פְרוֹי, זִי הָאט אַ גוּט הַארְץ, זִי שְׁטֶעלְט מִיךְ צוּפְרִידְן מִיט אַלֶעס װָואס אִיךְ דַארְף, אוּן אִיךְ הָאבּ אִיר לִיבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ גֶעװָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי אִיךְ דַארְף זִיךְ בַּאגֵיין מִיט דִי צְנִיעוּת פוּן מַיין װַוייבּ? מַיין װַוייבּ אִיז מֶער מָאדֶערְן פוּן מִיר. אִיךְ קוּק עֶס נִישְׁט אָן אַלְס אַ חִסָּרוֹן, פוּן אִיר זַייט וִויל זִי מֶער אַן אָפֶענֶע אוּן מָאדֶערְנֶע שְׁטוּבּ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל זִי וִויל הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ'.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ קְלֵיידֶער וויל אִיךְ פְּרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ דַארְף זִיךְ בִּכְלַל אַרַיינְמִישְׁן אִין וֶועלְכֶע קְלֵיידֶער זִי קוֹיפְט זִיךְ; און אוֹיבּ יָא, וֶוען יָא און וֶוען נִישְׁט?

דִי שְׁאֵלָה אִיז בִּכְלָלִיּוּת ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין שְׁטוּבּ זָאל זִיךְ פִּירְן פּוּנְקְט ווִי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אַז עֶס דַארְף זַיין, און וֶועגְן דִי קְלֵיידֶער וָואס יָא און וָואס נִישְׁט אִיר צוּ זָאגְן.

אִיךְ בֶּעט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיךְ מַדְרִיךְ זַיין אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, און אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אָנְנֶעמֶען אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט צוּ צְנִיעוּת, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז אֵיידְל און וָואס נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ כְּלַל און אַלְץ קוּקְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן; אַז דַיין וַוייבּ קוֹיפְט זִיךְ אַ קְלֵייד און זִי פְּרֶעגְט דִיר: "עֶס אִיז גוּט? עֶס אִיז אֵיידְל?" און דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, פְּרֶעג אִיר: "דַיין מַאמֶע גֵייט אַזוֹי? דַיין מַאמֶע וָואלְט גֶעזָאגְט עֶס אִיז גוּט? אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ פְּרֶעגְן דַיין מַאמֶע?" אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים א, ח): "אִם לֹא תֵדְעִי לָךְ הַיָּפָה בַּנָּשִׁים", אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז שֵׁיין פַאר אַ פְרוֹי, "צְאִי לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן", זָאלְסְטוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן וֵויינִיגֶער אֵיידְל ווִי אִיר מַאמֶע, דוּ זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף בְּלַייבְּן אָנְגֶעטוּן אֵיידְל ווִי אִיר מַאמֶע, נִישְׁט גֵיין אַ סֶענְטִימֶעטֶער קוּרְצֶער, שְׁמָאלֶער, מֶער אוֹיפְפַאלְנְד - ווִי דִי מַאמֶע. אַז זִי וויל טוּישְׁן פוּן אִיר מַאמֶע - קֶען זִי מַאכְן נָאר מֶער אֵיידְל, אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף אַרָאפּ.

בְּנוֹגֵעַ דִי סְמַארְטְפָאוֹן; זָאלְסְטוּ אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער און זָאגְן אַז עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ פָּאלְגְן צַדִּיקִים וָואס זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין

שְׁטוּב קַיין טֶעלֶעפָאן, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם - ווִי אֵיידֶער זִיךְ בַּאקְוֶועם מַאכְן און נִישְׁט פָאלְגְן דִי צַדִיקִים, וַוייל עֶס קֶען אַמָאל צֶעפַאלְן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּב וֶועגְן אַ טֶעלֶעפָאן. דִי צַדִיקִים זֶעעֶן וַוייטֶער, זֵיי זֶעעֶן הֶעכֶער, זֵיי וֵוייסְן וָואס וֶועט זַיין אִין צֶען יָאר, אִין צְוָואנְצִיג יָאר; עֶס לוֹינְט צוּ פָאלְגְן אוּן בְּלַייבְּן מִיט אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת, וָואס וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה אוּן אִין דִי וֶועג פוּן צַדִיקִים"**; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב אוּן אוֹיף עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ רוּפְן מַיין פְרִיעֶרְדִיגֶער בַּעַל הַבַּיִת צוּ דִין תּוֹרָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָשׁ מְחַיֶ'.

אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן מַיין אַרְבֶּעט אָנְהוֹיב זוּמֶער וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט בַּאצָאלְט פַאר אַפָּאר חֳדָשִׁים, זֵיי זֶענֶען מִיר שוּלְדִיג גֶעבְּלִיבְּן שְׁוֶוערֶע צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזֶענְטֶער דָאלֶער. בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אוּן צוּגֶעשִׁיקְט אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט פָּאסְטְן וואו מֶען צָאלְט יָא, מַיין פְרִיעֶרְדִיגֶער בַּעַל הַבַּיִת הַאלְט מִיר אָבֶער נִישְׁט בַּיים בַּאצָאלְן, זָאל אִיךְ אִים רוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י"ח שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעדֶע סִכְסוּךְ וָואס אִיז דָא צְווִישְׁן אֵיין אִיד מִיטְן צְוֵוייטְן - אִיז רִיכְטִיג

צוּ גֵיין צוּ אַ רָב אוּן זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען, אָדֶער גֵיין צוּ אַ בֵּית דִּין אוּן פָאלְגְן דִי בֵּית דִּין.

אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי סְגוּלָה וָואס מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, פוּן בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן פוּן אִינֶעוֵויינִיג, וָוארְט בַּיי וָוארְט בְּקוֹל וּבְשִׂמְחָה. מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, דָאס בֶּענְטְשְׁן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער - אִיז מְסוּגָל פַאר עֲשִׁירוּת, עֶס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יֶעדֶער וֶוערְט חַתָּנִים, פַארְוָואס נָאר אִיךְ נִישְׁט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסֶער יְיִשַׁר כֹּחַ אוֹיף מַיין לֶעבְּן, מַיין גַאנְצֶע חַיּוּת אִין אִידִישְׁקֵייט אִיז נָאר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג אָן הֶערְן כָּאטְשׁ צְוֵויי שִׁיעוּרִים, אוּן דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן דִי נִיגוּנִים דָאס אִיז מַיין לֶעבְּן, אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיִשַׁר כֹּחַ אוֹיף דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט, אוּן בִּפְרַט אוֹיף דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע בְּרִיוו, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן חִיזּוּק נִישְׁט מוֹרָא צוּ הָאבְּן, אוּן אַז מַיין שִׁידוּךְ וֶועט אָנְקוּמֶען אוּן אִיךְ זָאל וַוארְטְן מִיט סַבְלָנוּת.

לֶעצְטְנְס בִּין אִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר נֶערְוֶועז, אִיךְ זֶע ווִי מַיינֶע חֲבֵרִים וֶוערְן חַתָּנִים, אוּן בַּיי מִיר רִירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַאוֶונְען אַזוֹיפִיל אוֹיף דֶעם אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט דְרֵיי מָאל תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין יַבְנְאֵל, אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי יָארְצַייט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"ש'ס צִיּוּן, אוּן עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַז עֶפֶּעס רִירְט זִיךְ. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען בַּאקוּמֶען מֶער חִיזּוּק אוֹיף דֶעם, אוּן הַדְרָכָה אוֹיף וַוייטֶער ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יֶעדֶע פָּאר טֶעג גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל אִיבֶּער דֶעם קוּנְטְרֵס "מְצִיאַת הַזִּיווּג", אוּן נָאר בִּזְכוּת דֶעם קוּנְטְרֵס אוּן בִּזְכוּת דִי הִתְחַזְּקוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען אִיךְ זַיין רוּאִיג, אָבֶּער אִיךְ דַארף נָאכְאַלְץ חִיזּוּק.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען בַּאקוּמֶען אַ תְּפִלָּה פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען שִׁיקְן אַ בְּרִיוו צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז זֵיי זָאלְן שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן זוּכְן אַ שִׁידוּךְ פַּאר מִיר.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פְּרֶעגְן אוֹיבּ וֶוען אִיךְ בַּאקוּם אַן עֶנְטְפֶער פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן אַלֶע מַיינֶע שְׁאֵלוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט, אוֹיבּ אִיךְ זָאל נָאכְאַמָאל שִׁיקְן אַ בְּרִיוו אוּן אִיבֶּערְפְרֶעגְן, אָדֶער נִישְׁט?

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסֶער יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְן, אוּן אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַּאר דִי לַאנְגֶע בְּרִיוו, עֶס אִיז מִיר אָבֶּער זֵייעֶר ווִיכְטִיג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען דַיינֶע חֲבֵרִים וֶוערְן חַתַנִים אוּן דוּ בִּיסְט נָאכְאַלְץ אַ בָּחוּר; יֶעדֶער הָאט זַיין שִׁידוּךְ, יֶעדֶער הָאט זַיין עִנְיָן. נָאךְ אֵיידֶער דוּ בִּיסְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל דַיין שִׁידוּךְ, מֶען דַארְף וַוארְטְן מִיט סַבְלָנוּת אוּן בֶּעטְן מִיט רַחְמָנוּת מֶען זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן דִי שִׁידוּךְ.

כַאפּ זִיךְ נָאכְאַמָאל אַרִיבֶּער קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. וַוייל וֶוען אַ צַדִיק אִיז מַבְטִיחַ - וֶועט אַזוֹי זַיין, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, אוּן אַז מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶועןן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה (צַוָּואַת מוֹהֲרָא״שׁ, אוֹת ה): **״אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג״** - דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אוּן וַוארְטְן מִיט סַבְלָנוּת.

זָאג יֶעדְן טָאג קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים, און נָאכְן זָאגְן דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִווּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת משֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיזְן סוֹף; וָואס דָאס אִיז דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה, עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין יֶעדֶע סִידוּר בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה, 'קְרִיאָה לַחֲנוּכָּה'; און וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט זָאגְן דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ.

עֶס אִיז דָא אַ הַארְץ רַייסְנְדֶע תְּפִלָּה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ פַאר בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ זִיךְ אוֹיסְצוּ'טַעֲנָה'ן און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ, דָא הָאסְטוּ דִי תְּפִלָּה, לֵייג דִיר אַוֶועק דִי תְּפִלָּה אִין טַאשׁ, און יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְזוּכְן אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ און וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי תְּפִלָּה, און צוּלֵייגְן אֵייגֶענֶע גֶעבֶּעטְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְן שְׁנֶעל און גְרִינְג און נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, און אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי וואוֹיל און עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶּער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם און צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, און הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְן, און דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן און רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת און אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוֹיל און עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט און אִיךְ וַוארְט און אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ ווִיל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְן, און דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חֲזַ״ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! וִוי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינֶדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיב הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶעט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַתֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע

הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפְ'ן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַריינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֶם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## מִיט שְׂכַר לִימוּד קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוּם שְׁפִּילְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י״ח שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וַוייטֶער וֶוען אִיךְ קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן אִין צַייט מַיינֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין דִי מוֹסָד; אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ מָאל גֶעשְׁרִיבְּן אַז מִיט שְׂכַר לִימוּד קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוּם שְׁפִּילְן, אוּן אִיךְ רֶעד צוּ טוֹיבֶּע אוֹיעֶרְן.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ קוּם דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע גֶעלְט? זָאל אִיךְ בָּארְגְן? אוּן וֶוער וֶועט עֶס בַּאצָאלְן? דוּ וֵוייסְט אִין וִויפִּיל חוֹבוֹת אִיךְ לִיג שׁוֹין פוּן דִי מוֹסָד? וִוי קֶענְסְטוּ דָאס טוּן צוּ מִיר?!

אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן חִיזוּק, אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען דִי יָארְצַייט, דִי צֶענְטֶע יָארְצַייט; אָבֶּער דִי קָאפּ אִיז מִיר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פוּן נִישְׁט קֶענֶען צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין צַייט, אוּן פוּן נִישְׁט קֶענֶען קוֹיפְן נָאךְ אַ בָּאס פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי גְרֶעסְטֶע אוּן הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ, אִיז הֶעלְפְן אַ מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶע טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הֶעלְפְסְט מַאמִי; דִי גְרֶעסְטֶע אוּן הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער - אִיז הֶעלְפְן אַ מַאמֶע, מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר דִי מַאמֶע; מִיט דֶעם קוֹיפְט מֶען זִיךְ אֵיין עוֹלָם הַבָּא, אוּן אוֹיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועט מֶען הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת.

אוֹיךְ פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דַיין טִיטְשֶׁער אַז דוּ הָאסְט גוּטֶע מִידוֹת, דוּ טְשֶׁעפֶּעסְט נִישְׁט אַנְדֶערֶע, דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל פַאר אַנְדֶערֶע. גוּטֶע מִידוֹת אוּן אַ וֵוייכֶע הַארְץ - דָאס אִיז בְּרֶסְלֶ״ב, דִי אוֹתִיוֹת פוּן לֵ״ב בָּשָׂ״ר, אַ וֵוייכֶע הַארְץ, אַ הַארְץ מִיט אַ גֶעפִיל פַאר אַנְדֶערֶע; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שלט), וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן אַלֶע זַיין בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לו, כו): ״וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב חָדָשׁ וְרוּחַ חֲדָשָׁה אֶתֵּן בְּקִרְבְּכֶם, וַהֲסִרֹתִי אֶת ׳לֵב הָאֶבֶן׳ מִבְּשַׂרְכֶם וְנָתַתִּי לָכֶם ׳לֵב בָּשָׂר׳״; לֵב בָּשָׂר אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת וִוי בְּרֶסְלֶב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיי בַּאזוּכְן דַיין וַוייבּ אִין תְּפִיסָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ בֶּעט אוֹיבּ מֶען קֶען דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט אִיר קוּמֶען בַּאזוּכְן אִין תְּפִיסָה, זִי זָאגְט אַז דוּ בִּיסְט אַ גוּט הַארְץ, דוּ גֵייסְט בַּאזוּכְן אִידִישֶׁע אַרֶעסְטַאנְטְן, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה; זִי טַעְנָה׳ט פַארְוָואס דוּ קוּמְסְט נִישְׁט צוּ אִיר, זִי אִיז אוֹיךְ אִין תְּפִיסָה, זִי אִיז אִין שְׁטוּב גֶעבִּינְדְן, זִי קֶען נִישְׁט גֵיין

און קוּמֶען, זִי אִיז פַארְיָאגְט מִיט דִי קִינְדֶער, זִי וַוארְט אַז אִיר מַאן זָאל אִיר קוּמֶען זָאגְן אַ גוּט וָוארְט און בְּרֶענְגֶען עֶפֶּעס אַ גוּטֶע עֶסְן וְכוּ׳.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין וֶוערְטְל, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין ק:): "וַחֲבוּשָׁה בְּבֵית הָאֲסוּרִין", אַ פְרוֹי אִיז אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה, רַשִׁ"י זָאגְט "כָּל כְּבוּדָה בַּת מֶלֶךְ פְּנִימָה", דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ פְרוֹי, אַז זִי אִיז בַּאהַאלְטְן אִין שְׁטוּב; דָאס אִיז אָבֶער אַ בְּחִינָה פוּן תְּפִיסָה, זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין אִיר הֶעלְפְן, אִיר מְחַזֵק זַיין, אִיר גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, אִיר גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַיין קָאפּ אִיז צֶעדְרוּקְט פוּן דַארְפְן צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר קְלָאר זָאגְן, אִיךְ קֶען נָאר הַאלְטְן דַיינֶע קִינְדֶער אִין דִי מוֹסָד אוֹיבּ דִיר אִינְטֶערְסִירְט עֶס, אוֹיבּ דִיר אִינְטֶערְסִירְט נִישְׁט דִי מוֹסָד, צָאלְסְט נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימוּד - קֶען אִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן דַיינֶע קִינְדֶער.

אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן פוּן רֶבִּי׳ן, אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן פוּן מוֹהֲרַאְ"שׁ, אִיךְ הָאבּ דִיר אַזוֹיפִיל צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן וָואס מוֹהֲרַאְ"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אָבֶער מַיין קָאפּ אִיז מִיר צֶעדְרוּקְט פוּן דַארְפְן צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע. אִיךְ הָאבּ אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן דִי מוֹסָד אַלֶע זַייטִיגֶע זַאכְן, בִּיז יֶעצְט הָאט דִי מוֹסָד אַלֶעס גֶעצָאלְט, דִי יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים, דִי שָׁאטְל, דִי מִקְוֶה טָהֳרָה, דִי מַצָה בֶּעקֶערַיי, אַלֶעס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין גְרוֹיסֶע קַאסֶע, אִיךְ הָאבּ אַלֶעס אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן דִי מוֹסָד, אִיךְ אַלֵיין בְּרֶעךְ זִיךְ קָאפּ צוּ קֶענֶען דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת פוּן דִי קְהִילָה, אַבִּי דִי מוֹסָד - דָאס מֵיינְט נָאר דִי צְוֵויי זַאכְן 'חֵדֶר' און 'בֵּית פֵיגָא' - זָאלְן קֶענֶען צָאלְן צַייטְלִיךְ דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע און קֶענֶען הָאבְּן גֶעלְט צוּ קוֹיפְן בַּאסֶעס וֶוען מֶען דַארְף, צוּ קֶענֶען לֵייגְן אַ טְרֶעקֶער

אוֹיף דִי בָּאסֶעס אַז דִי מַאמֶעס זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן פַארְפְרוֹירְן אִין דִי פְּרָאסְטִיגֶע ווִינְטֶער, אוּן נָאכְאַלְץ קֶען אִיךְ נִישְׁט צָאלְן צַייטְלִיךְ אוּן נִישְׁט קוֹיפְן בָּאסֶעס; אִיךְ קוּם דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אַזוֹיפִיל גֶעלְט.

הֲיִתָּכֵן אַז דוּ צָאלְסְט נִישְׁט שְׂכַר לִימוּד? צוּ וֶועם זָאל אִיךְ גֵיין בֶּעטְן גֶעלְט אַז דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיין מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג? פוּן פְרֶעמְדֶע? פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה פוּן קַארְלְסְבּוּרְג? פוּן וֶועם?! אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן ווַייטֶער, זָאל אִיךְ זִיךְ אַרַיינְזֶעצְן אִין אָפִּיס רוּפְן פַאר שְׂכַר לִימוּד? זָאל אִיךְ וֶוערְן אַ דְרֵייוֶוער פַאר דִי בָּאס?

...

### וָואס קוּקְט מֶען פַארְן זִיךְ אַרִיבֶּערְצוּצִיעֶן אִין אַ גֶעגְנְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י״ב שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ קוֹיפְן אַ דִירָה אִין דִי גֶעגְנְט וְכוּ׳; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט וֶועגְן דִי נַייעֶ גֶעגְנְט, פְרֶעגְט אַייךְ נָאךְ אוֹיבּ עֶס אִיז דָא דָארְט עֶרְלִיכֶע פְּרוּמֶע מוֹסְדוֹת מִיט אַן עֶרְלִיכֶער רָב, אוּן אוֹיךְ וֶוער זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוֹיפְן דָארְט, אוּן דָאס לֶעצְטֶע זָאלְט אִיר קוּקְן אוֹיף גֶעלְט אוּן אוֹיף בִּילִיגֶע שְׁטֵייעֶרְן, אַ אִיד דַארְף דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ קוּקְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע פְּרוּמֶע מוֹסְדוֹת אוּן אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער רָב, אַן עֶרְלִיכֶער דַיין אוּן אוֹיף גוּטֶע שְׁכֵנִים, בַּיי אַ אִיד אִיז דֶער עִיקָר דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, אִיבֶּערְלָאזְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זֶען נָאר גוּטְס בַּיי דִי קִינְדֶער, אוֹיךְ דִי חַתוּנָה גֶעהַאטֶע**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

זַיי מְקָרֵב דַיינֶע קִינְדֶער, און אוֹיךְ דַיינֶע חַתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער, און אַז זֵיי פִירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ, און זֵיי מַאכְן אַנְדֶערְשׁ וְכוּ׳ וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם זֵיי מְרַחֵק זַיין, קִינְדֶער דַארְף מֶען זֵייעֶר מְקָרֵב זַיין, בִּפְרַט נָאךְ דִי חַתוּנָה, דֶעמָאלְט מוּז מֶען זֵיי זֵייעֶר מְקָרֵב זַיין.

דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַזוֹי טֵייעֶר, און אוֹיךְ זַיין װַייבּ תִּחְיֶ׳, זָאל דִיךְ נִישְׁט בַּאדֶערְן זֵייעֶר קַטְנוּת הַדַעַת, זַיין סְװֶועדֶער מִיט זַיינֶע שְׁמָאלֶע הוֹיזְן וְכוּ׳; דָאס אִיז קַטְנוּת הַדַעַת, מֶען װַאקְסְט דָאס אוֹיס. לוֹיט װִי אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בִּיסְטוּ אוֹיךְ דָאס אַרִיבֶּער אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, יֶעצְט הַאלְסְטוּ בַּיי אַנְדֶערֶע מוֹחִין וְכוּ׳, און אַז דוּ װֶעסְט זֵיי מְקָרֵב זַיין מִיט װַארֶעמְקֵייט און לִיבְּשַׁאפְט, װֶועלְן זֵיי דָאס אוֹיךְ אָפְּלָאזְן.

אַז דַיין זוּן רוּפְט דִיךְ זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֵייבְּן דִי טֶעלֶעפָאן, און אַז עֶר רוּפְט דִיךְ נִישְׁט - זָאלְסְטוּ אִים רוּפְן, גֶעבּ אִים דִי גוּטֶע גֶעפִיל, אַז עֶר הָאט אַ טַאטֶע װָואס לִיבְּט אִים, גֶעבּ אִים דִי גוּטֶע גֶעפִיל אַז זַיין טַאטֶע הַאלְט פוּן אִים; נָאר אַז מֶען הַאלְט און בִּיז װִיפִיל מֶען הַאלְט פוּן דִי קִינְדֶער - אַזוֹי קֶענֶען זֵיי װַאקְסְן און מַצְלִיחַ זַיין.

בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת זָאלְסְטוּ דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און בֶּעטְן פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גוּטֶע אוֹיגְן און אַ גוּט הַארְץ, נָאר זֶען גוּטְס בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער און בַּיי אַלֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן קֵיינֶעם, טוּ וָואס אִיז רִיכְטִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן קֵיינֶעם, דוּ טוּ וָואס אִיז רִיכְטִיג, זַיי אַ גֶעטְרֵייעֶ מְלַמֵּד פַאר דִי קִינְדֶער, לֵייג אַרַיין אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת. פַארְלַאנְג פוּן דִי קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ; נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז דָא הַצְלָחָה, אוּן מֶער פוּן דֶעם זָאל דִיךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן.

אַז מֶען קוּמְט דִיר דֶערְצֵיילְן, דֶער רֶעדְט אוֹיף דִיר אוּן דֶער הֶעצְט אוֹיף דִיר, זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס מוֹהַרְנַ״ת הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶער וָואס אִיז אִים גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער ... רַב הָאט גֶערֶעדְט קֶעגְן אִים, מוֹהַרְנַ״ת הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״דוּ בִּיסְט מַיין מִתְנַגֵּד, נִישְׁט דֶער ... רָב״, דוּ מַאכְסְט מִיר שְׁלֶעכְט, אַז דוּ דֶערְצֵיילְסְט נִישְׁט וָואלְט אַלֶעס גוּט גֶעוֶוען.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אַ טוֹבָה, וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דִי צַדִּיקִים, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה - זָאלְסְטוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר מִיר, בַּיי קֶבֶר רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס אוּן אִין יַבְנְאֵל בַּיי מוֹהֲרָא״ש, בֶּעט פַאר מִיר יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאר מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הָאט מֶען נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ הֶערְן אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן; וֶוער עֶס פָאלְגְט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שנח): ״מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק - קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ

זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בְּגִירְסָא, אֲפִילוּ אָן פַּארְשְׁטֵיין. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ גוֹרֵס זַיין זִיבְן בְּלַאט גְמָרָא, אַזוֹי וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס בִּיז אֵיין יָאר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר. דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעגֶעבְן אַ תִּיקוּן פַאר אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה עֶר זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן פִּינְף בְּלַאט תִּיקוּנֵי זוֹהַר, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז תִּיקוּנֵי זוֹהַר וַואשְׁט אָפּ אוּן רֵיינִיגְט דִי נֶפֶשׁ, רוּחַ אוּן נְשָׁמָה פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס; מִיר זֶעעֶן נִישְׁט דִי פְּלֶעקְן וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען זִינְדִיגְט, וֶוער רֶעדְט פוּן דִי פְּלֶעקְן וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם אִין אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, עֶס וֶוערְט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, אוּן נָאר מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - הָאט מֶען נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שְׁמ״ט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת׳ער בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", וְאָמַר בָּזוּ הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען", אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אִין אָנְהוֹיב וֶועסְטוּ אֶפְשָׁר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶער עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער, אוּן בַּיים סוֹף, נָאךְ אַפָּאר מָאל - וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶעלְפְן אַ טַאטֶע וֶועט נִישְׁט שְׁטֶערְן פַאר דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן אַ טַאטֶע; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק כו): "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס, "וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט נִישְׁט פוּן אוּנְז, "רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", נָאר אַז מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע.

דָאס וֶועט גָארְנִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אַייעֶר צַייט וָואס אִיר ווִילְט גֶעבְּן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, דָאס וֶועט אַייךְ מַאכְן אַ בְּרָכָה אִין דִי צַייט אוּן עֶס וֶועט מַאכְן אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג; נִישְׁטָא עֶפֶּעס הֶעכֶערְ'ס פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶע מַיינֶע חוֹבוֹת אִיז פַאר דִיר, פַארְוָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אִיךְ הָאבּ חוֹבוֹת אוֹיפְן קָאפּ וָואס אִיךְ בָּארְג פַאר דִיר; פַאר מִיר פְּרִיוַואט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין אֵיין דָאלֶער חוֹבוֹת, אַלֶע מַיינֶע חוֹבוֹת אִיז פַאר דִיר; פַארְוָואס שְׁטֵייסְטוּ אִין דֶער זַייט אוּן דוּ מַאכְסְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג? ווִיפִיל מֵיינְסְטוּ קֶען אִיךְ אַלֵיין שְׁלֶעפְּן? אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג פַאר טִיטְשֶׁערְס וָואס קוּמֶען אַרְבֶּעטְן פַאר בָּאבְּקֶעס, אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ בַּאקוּמֶען זֵיי נִיטְאַמָאל טוֹיזְנְט דָאלֶער; שְׁלֶעפְּן זִיךְ אִין בֵּית פִיגָא מִיט זֵייעֶרֶע פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער, שְׁטֵייעֶן אִין דִי פְרֶעסְט

וַוארְטְן אוֹיף אַ בָּאס, וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן קַיין בָּאסֶעס, זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן דִי בִּיסְל שְׂכַר לִימוּד צָאלְסְטוּ נִישְׁט, אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

...

## נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בְּרִיװ מִיט דִי גוּטֶע נֵייעֶס.

אִיר פְרֶעגְט וָואס זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט; נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר אַלֶע דַארְפְן פַארְעֶכְטְן דִי אֵיין זַאךְ, אַז מִיר דַאנְקֶען נִישְׁט גֶענוּג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְגֶעסְט דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט גוּט - דֶעמָאלְט דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען אַלֶעס אִיז גוּט פַארְגֶעסְט מֶען דֶערְפוּן.

אַז אִיר ווילְט זִיךְ עֶפֶּעס אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַז אַלֶעס זָאל גֵיין גְרִינְג אוּן גוּט - זָאלְט אִיר בַּאשְׁטִימֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט וָואס אִיר גֵייט דֶעמָאלְט דוּרְךְ אַייעֶר לֶעבְּן, אַלֶע חֲסָדִים, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר אוּן אַייעֶר מַאן טוּעֶן פַאר דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָּׁה אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיי מִיט צִיצִית, עֶס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען גוּטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וֶועגְן זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט לֵייגְן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג

און דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ טוֹישְׁן צוּם גוּטְן, דַיין שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ׳; הָאסְט גֶעפְרֶעגְט וָואס הָאט צוּטוּן דַיין אָנְטוּן צִיצִית מִיט דַיין וַוייבְּ׳ס יִרְאַת שָׁמַיִם? וְויסְן זָאלְסְטוּ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין תַּנְחוּמָא כִּי תֵצֵא, א), אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים כב, יב): ״גְּדִלִים תַּעֲשֶׂה לָּךְ׳ תִּזְכֶּה לְמִצְוַת צִיצִית״, אַז דוּ וֶועסְט גֵיין מִיט צִיצִית, ״תִּזְכֶּה לְאִשָּׁה כְּשֵׁרָה״, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַן עֶרְלִיכֶע וַוייבּ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם קְלָאר אַז אוֹיבּ מֶען גֵייט מִיט צִיצִית אוּן מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי צִיצִית - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שָׁלוֹם בַּיִת.

אִיךְ וְויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט גֵיין מִיט צִיצִית. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (מְנָחוֹת מד.): ״מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁהָיָה זָהִיר בְּמִצְוַת צִיצִית״, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהִיטְן דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, עֶר אִיז פַארְשְׁלֶעפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ נִסָּיוֹן פוּן טוּן אַן עֲבֵירָה מִיט אַ גוֹיָ׳, עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִיר אַ צַייט אוּן בַּאצָאלְט דִי גֶעלְט, עֶר אִיז אַהִין גֶעפָארְן, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט זִי אִים אוֹיסְגֶעלֵייגְט זֶעקְס זִילְבֶּערְנֶע בֶּעטְן, אוּן אַ זִיבֶּעטֶע בֶּעט פוּן גָאלְד, אוּן וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי דִי זִיבֶּעטֶע בֶּעט, שִׁיעֶר נִישְׁט גֶעטוּן דִי עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - הָאט אִים זַיין צִיצִית גֶעפַּאטְשְׁט אִין פָּנִים, עֶר הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אַרָאפּ פוּן דִי בֶּעט, אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד. זִי אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, זִי הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט אֵיינֶער זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן אִיר, זִי אִיז אוֹיךְ אַרָאפּ פוּן בֶּעט אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אִיךְ שְׁוֶוער אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָא אֵיידֶער דוּ זָאגְסְט מִיר וָואס פַאר אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ דוּ הָאסְט גֶעזֶען אִין מִיר״, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ שְׁוֶוער אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזֶען נָאךְ אַזַא שֵׁיינֶע פְרוֹי ווִי דִיר, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, אוּן עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי מִצְוָה ׳אֲנִי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם׳, עֶס שְׁטֵייט צְוֵויי מָאל, אֵיין מָאל זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ׳אִיךְ בִּין בַּאגְלֵייבְּט צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן דֶער וָואס טוּט עֲבֵירוֹת׳, אוּן אַ צְוֵייטֶע מָאל זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ׳אִיךְ בִּין דֶער וָואס וֶועט גֶעבְּן שָׂכָר פַאר דִי וָואס טוּעֶן מַיינֶע מִצְוֹת׳״.

וֶוען זִי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: ״אִיךְ לָאז דִיךְ נִישְׁט אָפּ

בִּיז דוּ זָאגְסְט מִיר וָואס אִיז דַיין נָאמֶען, וָואס אִיז דִי נָאמֶען פוּן דַיין שְׁטָאט, דַיין רֶבִּי'ס נָאמֶען אוּן דִי נָאמֶען פוּן דַיין יְשִׁיבָה", עֶר הָאט אִיר גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ צֶעטְל דִי אַלֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע. דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא, זִי הָאט פַארְקוֹיפְט אִיר גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן אוּן צֶעטֵיילְט דִי גֶעלְט; אַ דְרִיטְל הָאט זִי גֶעגֶעבְּן פַאר דִי רֶעגִירוּנְג, אַ דְרִיטְל הָאט זִי גֶעגֶעבְּן פַאר אָרֶעמֶעלַייט, אוּן אַ דְרִיטְל הָאט זִי מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ, זִי הָאט אַלֶעס פַארְקוֹיפְט אוֹיסֶער דִי בֶּעט גֶעוַואנְט וָואס זִי הָאט אִים דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעבֶּעט.

זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי יְשִׁיבָה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָיא, אוּן גֶעבֶּעטְן: "רֶבִּי זַיי מִיךְ מְגַיֵּיר, אִיךְ וִויל וֶוערְן אַ גִּיּוֹרֶת", אוּן רֶבִּי חִיָיא הָאט אִיר מְגַיֵּיר גֶעוֶוען אוּן אִיר גֶעזָאגְט: "גֵיי הָאבּ חֲתוּנָה מִיט דֶעם תַּלְמִיד, דָאס אִיז דַיין מַתַּן שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וִוי גְרוֹיס דַיין שְׂכַר וֶועט זַיין"; פוּן דִי גְמָרָא זֶעט מֶען אַז צִיצִית אִיז אַ שְׁמִירָה פַארְן מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין נִיאוּף, אוּן אוֹיךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ הֵיילִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת, זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט הֵיילִיג אוּן רֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען שֵׁיין אוּן קְלָאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הֶער שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף אַייךְ פוּן דִי מְנַהֶלֶת אוּן פוּן אַייֶערֶע טִיטְשֶׁערְס.

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ פַארְלֵייגְן צוּ דַאוֶוענֶען עֶרְלִיךְ, אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער שֵׁיין אוּן קְלָאר. דַאוֶוענֶען אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ, בִּפְרַט פַאר אַ בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה, וָואס דָאס אִיז דָאךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת, צוּ דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס וֵוייסְט אִיר אַוַדַאי אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים רוּפְן

'רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא', ווייל זַיין מַאמֶע פֵיגָא הָאט אִים מְגַדֵל גֶעוֶוען אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט יִרְאַת שָׁמַיִם אִין אִים. זִי פְלֶעגְט אִים נֶעמֶען כְּסֵדֶר צוּם קֶבֶר פוּן אִיר זֵיידְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דָארְט וֵויינֶען אַז דֶער קִינְד זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ דַאוֶונֶען אוּן בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶערְשְׁטְן אוֹיף אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיף עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בִּרְכַּת מַזָל טוֹב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד יְדִידִי הַיָּקָר, הָרַב הַגָּאוֹן הַמְפוֹאָר, רַב פְּעָלִים, מוֹרָה וַדָאִין, רַבִּי ... שְׁלִיטָ"א, דוֹמֶ"ץ דק"ק דֶעבְּרֶעצִין יצ"ו**

בִּרְכַּת מַזָל טוֹב חַמָּה וּלְבָבִית נִשְׁגַר בְּזֹאת קֳדָם מַעֲלַת כְּבוֹדוֹ, לְרֶגֶל הַשִּׂמְחָה הַגְּדוֹלָה הַשְּׁרוּיָ' בִּמְעוֹנוֹ בְּנִשּׂוּאֵי בִּתּוֹ הַכַּלָּה הַחֲשׁוּבָה שֶׁתִּחְיֶ' עב"ג הֶחָתָן הֶחָשׁוּב שְׁלִיטָ"א, בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

בּוֹרֵא עוֹלָם בְּקִנְיָן הַשָּׁלֵם זֶה הַבִּנְיָן, יְהִי רָצוֹן שֶׁיִּזְכֶּה לִרְווֹת רַב נַחַת וְתַעֲנוּג דִּקְדֻשָּׁה מֵהֶם וּמִכֹּל יוֹצֵא חֲלָצָיו, מִתּוֹךְ שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה, אוֹרֶךְ יָמִים בִּימִינָהּ, בִּשְׂמֹאלָהּ עוֹשֶׁר וְכָבוֹד וְכָל טוּב סֶלָה.

הַמְּבָרֵךְ בְּרֹב שִׂמְחָה, וְהַכָּרַת הַטּוֹב עַל כָּל מַה שֶּׁפּוֹעֵל וְעוֹזֵר בְּעַד קְהִלָּתֵינוּ הַקְ'.

...

## אֶפְשָׁר ווילְסְטוּ זוכְן גֶעלְט צו צָאלְן דַיינֶע קִינְדֶערְ׳ס מְלַמְדִים?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״א שבט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זָאג דִיר נָאכְאַמָאל וֶועגְן שְׂכַר לִימוּד; עֶס אִיז אַ וֶוערְטְל וָואס מִיר בֶּעטְן, אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת צָאלְט מֶען אַסַאךְ מֶער פַאר יֶעדְן קִינְד, און דָאס צָאלְסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט... פַארְוָואס לֶעקְטֶער און גֶעז צָאלְסְטוּ? פַארְוָואס דַיין אִינְשׁוּרֶענְס פַארְן קַאר צָאלְסְטוּ? וַוייל דוּ ווילְסְט נִישְׁט מֶען זָאל דָאס אָפְּהַאקְן, וָואס וֶוייסְטוּ אוֹיב מֶען הַאקְט נִישְׁט אָפּ דִי סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָא פַאר דִי קִינְדֶער - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ?

אֶפְשָׁר ווילְסְטוּ אִיבֶּערְנֶעמֶען פוּן מִיר דִי מוֹסָד פַאר אַ שְׁטִיק צַייט? אִיךְ וֶועל זַיין פַארְנוּמֶען זוכְן וואו צו קוֹיפְן שְׁטָחִים און הַייזֶער, אוֹיךְ וֶועל אִיךְ אֶפְשָׁר אִיבֶּערְבּוֹיעֶן מַיין הויז, אֶפְשָׁר קוֹיפְן פִּישְׁלֶעךְ, און אַרַיינְקוּקְן אִין קוֹיפְן אַ קַאר, און אֶפְשָׁר נָאךְ אַ קַאר, און אוֹיךְ נָאךְ אַ קַאר, אַ שִׁיף, און דוּ זָאלְסְט זוכְן ווִי צו בָּארְגְן גֶעלְט צו בַּאצָאלְן דַיינֶע קִינְדֶערְ׳ס מְלַמְדִים; אֶפְשָׁר ווילְסְטוּ דָאס טוּן?

דִי יָאר שׁוֹבְבִי״ם הָאבּ אִיךְ גוּטֶע תִּיקוּנִים, גוּטֶע בּוּשׁוֹת פוּן נִישְׁט קֶענֶען צִיעֶן וַוייטֶער מִיט דִי מוֹסָד.

...

## וַוארְפְּסְט אַוֶועק דִי טֶעלֶעפָאן, וֶוערְסְטוּ אַ חָתָן בִּיז אַ יָאר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ שָׁאד אַז דוּ קוּמְסְט מֶער נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה, זַייט דוּ הָאסְט אַ שְׁטִילֶע בַּאהַאלְטֶענֶע סמ׳טֶעלֶעפָאן קוּמְסְטוּ מֶער נִישְׁט, דוּ בִּיסְט אוֹיף גַאנְצֶע נֶעכְט און דַיינֶע יָארְן גֵייעֶן דִיר אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט.

קוּם צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן מִיט אַ

גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ וִויל דַיין תַּכְלִית, דוּ זָאלְסְט גוּט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה אוּן פַארְגִינֶען נִישְׁט דִיךְ צוּ זֶען וִוי דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה, אוּן בְּעִיקָר וַוארְף אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן אִין פֵייעֶר, וַוייל דָאס אִיז דִי טִיר צוּם גֵיהִנוֹם, אַ שָׁאד פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין נְשָׁמָה.

אַז דוּ וַוארְפְסְט אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן זָאג אִיךְ דִיר צוּ דוּ וֶוערְסְט אַ חָתָן בִּיז אַ יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בַּיים רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ דַיין בְּרִיוו, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר. אִיךְ גֶעדֶענְק בַּיי מוֹהֲרָא״ש וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַן אֵיינִיקְל פוּן רֶבִּי׳ן אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אַמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא״ש אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶערֶעדְט אַזוֹי פְרַיינְטְלִיךְ מִיט אֵיינֶעם, מֶען הָאט גֶעקֶענְט אָנְזֶען אַז מוֹהֲרָא״ש אִיז עֶפֶּעס מֶער פְרֵיילִיךְ צוּ יֶענֶעם, מוֹהֲרָא״ש רוּפְט מִיךְ צוּ אוּן זָאגְט מִיר: ״דָאס אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן רֶבִּי׳ן״.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַ בֶּעט אִין אוּמַאן בַּיי אוּנְזֶער בִּנְיָן, עֶס קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי צוּ הָאבְּן; אַוַדַאי אִיז כְּדַאי צוּ בָּארְגְן גֶעלְט צוּ זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בַּיים רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נֶעם שׁוֹין אַ בֶּעט וִוילַאנְג עֶס אִיז נָאךְ דָא, אוּן זָארְג נִישְׁט

פַאר דִי הוֹצָאוֹת, דַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיסְגֶעזָארְגְט פַאר דִי שְׁפֶּעזְן צוּ קוּמֶען צוּ מִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין שְׁטֶעטְל דַארְף מֶען אוֹיךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין מְקוּרָב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווִילְסְט קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל - אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה, אָבֶער זָאלְסְט ווִיסְן אַז אִין שְׁטֶעטְל דַארְף מֶען אוֹיךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין מְקוּרָב.

מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, פְרֶעג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי, אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט קוּמֶען דָא, אוֹיבּ דַיין וַוייבּ וֶועט טְרֶעפְן אִין שְׁטֶעטְל גוּטֶע חַבֶרְ׳טֶעס וְכוּ׳ וְכוּ׳. אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי אִיז דִי שְׁטֶעטְל אַ שֵׁיינֶע ווִינְקְל פוּן אֱמוּנָה, שִׂמְחָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אָבֶער אַז מֶען אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן וואוּ מֶען אִיז וְכוּ׳ - מַאן יֵימַר אַז דָא וֶועט פְּלוּצְלוּנְג וֶוערְן גוּט.

מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְרֶעג אִים: **"טַאטֶע וואוּ זָאל אִיךְ וואוֹינֶען? זָאל אִיךְ קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל? זָאל אִיךְ גֵיין עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ?"** בֶּעט אוּן בֶּעט בִּיז דוּ וֶועסְט ווִיסְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי צַעַר וֶוען צְוֵויי גֶעטְרֵייעֶ מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל זַיין שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל וֶועל אִיךְ אִים פְרֶעגְן פַארְוָואס עֶר ווִיל נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִיר. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ פַאר דִי זַאכְן; פוּן אֵיין זַייט בִּין אִיךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן מִיר, אָבֶּער אַז עֶס וֶוערְט צְווִישְׁן עֶנְק רַייבֶּערֵייעֶן... אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דֶעם.

אִיךְ דַארְף דָאס אַרִיבֶּערְגֵיין וַוייל אִיךְ הָאבּ אֶפְשָׁר גֶעמַאכְט צַעַר פַאר מוֹהֲרָא״שׁ. וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ מוֹהֲרָא״שׁ קֶעגְן מִיר - הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעהַאט אַסַאךְ צַעַר פַארְוָואס מֶען קְרִיגְט זִיךְ, אִיז דָאס אַ פְּגַם פַאר מִיר. יֶעצְט דַארְף אִיךְ שְׁפִּירְן ווִי עֶס שְׁפִּירְט וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעטְרֵיי, בֵּיידֶע ווִילְן הֶעלְפְן און צְווִישְׁן זִיךְ רֶעדְט מֶען נִישְׁט.

זִינְג און טַאנְץ אַ גַאנְץ שַׁבָּת מִיט דַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶע זָאלְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, און רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רִיכְטִיג אִיז אַז דֶער מְנַהֵל זָאל אוֹיסְטֵיילְן דִי גֶעהַאלְט פַאר דִי מְלַמְּדִים, דִי מְנַהֶלֶת זָאל אוֹיסְטֵיילְן דִי גֶעהַאלְט פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס, דֶער בָּאס מֶענִידְזְשֶׁער זָאל אוֹיסְטֵיילְן פַאר דִי דְרֵייוֶוערְס און אִין אָפִיס זָאל דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטֶער טֵיילְן פַאר דִי סֶעקְרֶיטֶערִיס, אַזוֹי אִיז רִיכְטִיג מִכַּמָּה טְעָמִים.

אִיךְ הָאף עֶס וֶועט וֶוערְן סֵדֶר אִין אָפִּיס, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זָאלְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, מֶען זָאל רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין פַיינְטְשַׁאפְט; בַּיים רֶבִּינְ׳ס זַאךְ דַארְף מֶען סַבְלָנוּת אוּן תְּפִלָּה, אוּן זַאכְן וֶועלְן קוּמֶען אִין פְּלַאץ.

(רֶעד מִיטְן אַדְמִינִיסְטְרַאטֶער אַז אֲפִילוּ לוֹיט דִי נֵייעֶ פְּלַאן פוּן בַּאצָאלְן וְכוּ׳ - זָאל מֶען הַאלְטְן דִי גֶעהַאלְט אִין אָפִּיס בִּיז וֶוען מֶען וֶועט הָאבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן עֶס וֶועט זַיין פַּאר אַלֶעמֶען, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען גֶעבְן אַלֶעמֶען אוֹיף אֵיינְמָאל, אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער וָואס אִיז אִין מוֹחִין דְגַדְלוּת, דֶער דַארְף נָאכְגֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁשִּׁי פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

חַס וְשָׁלוֹם מַאכְן אַ גֶט, אוּן חַס וְשָׁלוֹם צֶעטֵיילְן דִי טֵייעֶרֶע פָּארְפָאלְק; מֶען דַארְף אִיר מְחַזֵק זַיין זִי זָאל נָאכְגֶעבְן, אֲפִילוּ זִי אִיז גֶערֶעכְט אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט; טוּן אַלֶעס אַבִּי דִי שְׁטוּב זָאל בְּלַייבְּן גַאנְץ.

נֶעמְט דִי כְּלַל אִין לֶעבְן, דֶער וָואס אִיז אִין מוֹחִין דְגַדְלוּת - דֶער דַארְף נָאכְגֶעבְן, וַוייל דֶער וָואס אִיז אִין מוֹחִין דְקַטְנוּת - הָאט דָאךְ נִישְׁט קַיין מוֹחִין, אוּן אַז זִי אִיז יֶעצְט אִין מוֹחִין דְגַדְלוּת - זָאל זִי זַיין דֶער וָואס אִיז מְוַתֵּר.

אוּן וָואס אִיז דֶער סִימָן פוּן מוֹחִין? דֶער וָואס קוּמְט פְרֶעגְן, דֶער וָואס בֶּעט הִילְף, דֶער אִיז בַּיי גַּדְלוּת הַמּוֹחִין; אֲפִילוּ מֶען אִיז זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט, אָבֶּער דָאס אַז מֶען ווִיל זִיךְ הֶעלְפְן, מֶען קוּמְט בֶּעטְן אַן עֵצָה; דֶער דַארְף אַיינְגֵיין אוּן זַיין דֶער קְלוּגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען קוּמְט אִין צַייט, קֶען מֶען בְּלַייבְּן שְׁלָאפְן אִין דָארְמִיטָארִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי הוֹדָעָה.

אִיךְ הֶער אַז דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה וָואס שְׁלָאפְן אִין קְוַוארְטִיר קוּמֶען שְׁפֶּעט אִין יְשִׁיבָה, זֵיי דַאוֶונֶען נִישְׁט מִיט מִנְיָן וְכוּ׳; ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט רֶעדְן מִיט אַלֶע בָּחוּרִים וָואס שְׁלָאפְן אִין קְוַוארְטִיר אוּן זֵיי זָאגְן קְלָאר אַז נָאר אוֹיבּ מֶען קוּמְט צַייטְלִיךְ אִין יְשִׁיבָה - קֶען מֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ שְׁלָאפְן אִין קְוַוארְטִיר.

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי, אָבֶּער זֵיי שְׁטַארְק מִיט דֶעם; נָאר אַז מֶען קוּמְט אִין צַייט קֶען מֶען בְּלַייבְּן שְׁלָאפְן אִין דָארְמִיטָארִי, אוּן נָאר אַז מֶען הַאלְט דִי דִירָה רֵיין אוּן צִיכְטִיג.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דִי אַרְבֶּעט אִיז שְׁוֶוער אָבֶּער עֶס אִיז זִיס. אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעטְן אוֹיךְ שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אַז דָאס אִיז אוּנְזֶער פְלָאג אוּן מִיה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִפְטָר וֶוערְן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; נִפְטָר וֶוערְן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, מְלַמְדִים מֶעגְן

דֶערְצֵיילְן פוּן נִפְטָר וֶוערְן, (בַּיי דִי יוּנְגֶערֶע קְלַאסְן דַארְף מֶען נִישְׁט רֶעדְן קַיין סַאךְ פוּן דֶעם), אוּן אַז אַ קִינְד וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן נִפְטָר וֶוערְן - גֶעבְּט מֶען אִים צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז דָאס נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג, וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט, מֶען דַאוֶוענְט, מֶען טוּט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים - גֵייט מֶען אִין גַן עֵדֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיסְטֵיילְן דִי גֶעהַאלְט הַאלְבְּוֶועגְס; בִּיסְט גֶערֶעכְט, מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְטֵיילְן הַאלְבְּוֶועגְס, אָדֶער פַאר יֶעדְן אָדֶער פַאר קֵיינֶעם. אִיךְ וֶועל רֶעדְן אִין אָפִּיס מֶען זָאל מַאכְן אַלֶע אוֹיף אֵיין מָאל, וַוייל אִיךְ וִויל יָא דוּ זָאלְסְט אוֹיסְטֵיילְן דִי גֶעהַאלְט פַאר דִי מְלַמְדִים, אַזוֹי קֶענְסְטוּ גֶעבְן גוּטֶע וֶוערטֶער, צוּשְׁרַייבְּן אַ גוּט וָוארְט, אוּן אוֹיב מֶען דַארְף חִיזוּק פַאר שְׁמִירַת הַזְמַנִים - קֶענְסְטוּ דָאס גְרִינְגֶער בֶּעטְן וְכוּ'.

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אִיךְ הַאלְט פַאר מַיינֶע אוֹיגְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט מִיטְן הֶערְשׁ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ קֶענִיג אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין וַואלְד פַאנְגֶען חַיוֹת מִיט זַיינֶע מִינִיסְטָארְן, דֶער קֶענִיג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְלוֹיפְן אַ הֶערְשׁ, עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ. פְּלוּצְלוּנְג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אַ שְׁלַאקְס רֶעגְן, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיטְן קֶענִיג הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַהֵיימְגֵיין, הָאט דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט: "אִיךְ מוּז כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, אַז עֶנְק ווילְן אַהֵיימְגֵיין גֵייט אַהֵיים", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ מוּז כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, וֶוער עֶס וִויל - קֶען צוּרִיקְגֵיין".

אַז אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל אוּן אִיךְ נֶעם דֶעם סֶעוֶוענְטִין כְּמִסְפָּר 'טוֹב', אוּן אִיךְ גֵיי אַרוֹיס בַּיי 'הוּנְדֶערְט אוּן צְוֵויי' כְּמִנְיַן 'צְבִי' - צוּ כַאפְּן דִי הֶערְשׁ כְּמִנְיַן 'אֱמוּנָה', אוּן וֶוער עֶס וִויל קֶען אַהֵיים גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת זָאלְן עֶנְק אָנְהוֹיבְּן מִיט דַאנְקֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

אִיךְ ווִיל עֶנְק ווִינְטְשְׁן אַ מַזָּל טוֹב פַאר דִי אָפְּשֶׁערְן פַאר עֶנְקֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶנְק זָאלְן זֶען אַסַאךְ נַחַת.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק, בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת זָאלְן עֶנְק אָנְהוֹיבְּן מִיט דַאנְקֶען; דִי עֶרְשְׁטֶע מִינוּט זָאלְן עֶנְק דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ, אִין עֶנְקֶער שְׁפְּרַאךְ - אוֹיף דִי גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען נָאךְ יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חָלָב עַכּוּ״ם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ גֵיין עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אִין דָאנְקִין דָאוּנַאטְס וְכוּ׳; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חָלָב עַכּוּ״ם, עֶס פַארְשְׁטָאפְּט דִי הַארְץ אוּן עֶס מַאכְט בְּלִינְד דִי אוֹיגְן פוּן זֶען אוּן שְׁפִּירְן אֱלֹקוּת.

דִי הֶכְשֵׁר פוּן אוֹ. יוּ. דִי. אִיז חָלָב עַכּוּ״ם, נִיץ נִישְׁט דִי הֶכְשֵׁר; וַוייל חָלָב עַכּוּ״ם אִיז מְטַמֵּא דִי מֹחַ אוּן דִי הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא, דָאס וֶועט אוֹיסְוַואשְׁן דַיין נְשָׁמָה פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, עֶס וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן אוּן הֵיילִיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִינְוֶועסְטִיר אִין דִי צְוֵויי זַאכְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ ווִילְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין פַּרְנָסָה - דַארְפְסְטוּ אִינְוֶועסְטִירְן אִין צְוֵויי זַאכְן, אִין שָׁלוֹם בַּיִת אוּן אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית, אַנְדֶערְשׁ וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין הַצְלָחָה, ווַייל נָאר אַז מֶען אִיז אַ שׁוֹמֵר הַבְּרִית אוּן מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי ווַייבּ, מֶען רֶעדְט שֵׁיין - נָאר אַזוֹי אִיז דָא וואוּ דִי בְּרָכָה זָאל חַל זַיין.

שׁוֹמֵר הַבְּרִית מֵיינְט מֶען אוֹיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, לֵייגְן אַ פִּילְטֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן טֶעבְּלֶעט קָאמְפְּיוּטֶער וְכַדוֹמֶה, ווַייל אַז מֶען הָאט אִין שְׁטוּבּ אוּן אִין טַאשׁ אַ וֶועג צוּ קוּקְן אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע עֶקֶלְדִיגֶע שְׁמוּץ - גֵייט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, אוּן ווִי קֶען זַיין אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ...

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּבּ - אִיז דָא אַ בְּרָכָה, אִיז דָא פַּרְנָסָה, אִיז דָא נַחַת, אִיז דָא אַלֶעס; אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן - טְרַייבְּט מֶען אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים כג, טו): "וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ, וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן הֵיילִיג, נָאר אַז מֶען אִיז אַ שׁוֹמֵר הַבְּרִית וֶועל אִיךְ זַיין מִיט עֶנְק".

אַזוֹי אוֹיךְ מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.), דִי פַּרְנָסָה, דִי שֶׁפַע - אִיז לוֹיט ווִי מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי ווַייבּ, מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ ווִיל דִיר גֶעבְּן אַ בְּרָכָה פוּן עֲשִׁירוּת, אָבֶּער דוּ דַארְפְט נָאר מַאכְן דִי כְּלִי לְקַבֵּל, זִיךְ פָארְנֶעמֶען דִי צְוֵויי זַאכְן; זַיין אָפְּגֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן טוּן אַלֶעס עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דוּ וֶועסְט לֵייגְן תְּפִלִּין, וֶועט דִיר זַיין גוּט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טַייעֶרעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט אַז דוּ זָאגְסְט מִיר אַז שׁוֹין אַפָּאר חֳדָשִׁים וָואס דוּ לֵייגְסְט נִישְׁט קַיין תְּפִילִין, דָאס אִיז דִי תֵּירוּץ פַארְוָואס דִי שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי עֶנְק אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, עֶנְק קְרִיגְן זִיךְ וְכוּ', בִּיז עֶנְק טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הוֹיבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג נָאר נָאכְן גֵיין אִין שׁוּל אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דַיין קוּמֶען אִין שׁוּל אוּן אָנְטוּן תְּפִלִּין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֶעגְט יֶעדְן טָאג: "וואוּ אִיז מַיין קִינְד ..., אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ אִים, וֶוען קוּמְט עֶר שׁוֹין צוּרִיק אִין שׁוּל דַאוֶונֶען אוּן אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע טַלִּית אוּן תְּפִלִּין?"

תְּפִילִין גֶעבְּט לֶעבְּן פַארְן מֶענְטְשׁ, מֶען וֶוערְט לֶעבֶּעדִיג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מד.), וֶוער עֶס לֵייגְט תְּפִילִין - אִיז זוֹכֶה צוּ אֲרִיכוּת יָמִים, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן, מֶען לֶעבְּט אַ זִיסֶע לֶעבְּן, עֶס לוֹינְט צוּ לֶעבְּן אַז מֶען קֶען אָנְטוּן נָאכְאַמָאל דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין. וֵוייסְט דִי מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַ זָקֵן, קָרוֹב צוּ דִי נַיינְצִיג יָאר, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְרֶעכְצְט: "רֶבִּי, עֶס אִיז מִיר פַארְעֶקֶלְט צוּ לֶעבְּן, אִיךְ ווִיל שׁוֹין שְׁטַארְבְּן", הָאט דֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם אִים גֶעזָאגְט: "דִי טִפֵּשׁ וָואס דוּ בִּיסְט, עֶס לוֹינְט זִיךְ דִיר נִישְׁט דָאס לֶעבְּן אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען נָאךְ אֵיין טָאג אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין?!"

דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל ווייל דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ פוּן מֶענְטְשְׁן, דוּ קוּמְסְט גֶעלְט, דוּ הָאסְט חוֹבוֹת; אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אוֹיבּ וֶועסְטוּ יֶעדְן טָאג קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאסְט מִיךְ מְחַיֶ' גֶעוֶעןמִיטְן אַוֶועקְוַוארְפְן דַיין טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט מִיךְ מַמָשׁ מְחַיֶ' גֶעוֶוען מִיט דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ הָאסְט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דַיין טֶעלֶעפָאן אוּן זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ פָּשׁוּטְ'עֶ טֶעלֶעפָאן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְן אַז דִי טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם קְלִיפְּס אוּן ווִידִיאוֹס - רַייסְט אוֹיס דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס רַייסְט אוֹיס דִי תְּמִימוּת, דִי עֶרְלִיכְקֵייט. מוֹהֲרָא"שׁ רוּפְט עֶס אִין דִי בְּרִיוו 'כִּישׁוּף', וָואס אִיז מַכְחִישׁ פַּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה, עֶס שְׁוַואכְט אָפּ דִי אֱמוּנָה.

שְׁטַארְק זִיךְ צוּרִיק מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. תּוֹרָה מַאכְט רֵיין, תּוֹרָה מַאכְט הֵיילִיג, תּוֹרָה וַואשְׁט אָפּ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, עֶס צִיט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען דִי תּוֹרָה אוֹיךְ הֶעלְפְן, דִי תּוֹרָה הָאט אַזַא כֹּחַ אַז עֶס קֶען אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי עֲבֵירוֹת, "וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, "כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוֹיף דַאוֶונֶען אִין שׁוּל דִי דְרַיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ח), דִי דְרַיי תְּפִילּוֹת וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, דָאס שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ בְּלַייבְּן בַּיים

אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נד.), עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: "מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הַוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי", און עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען און אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג פוּן דְרֵיי פַּרְסָה, עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קְלֵיינֶע וֶוערֶעמְלֶעך און גֶעלֶעכֶערְט דֶעם בַּארְג, בִּיז דֶער בַּארְג אִיז אִים אַרַיינְגֶעפַאלְן אוֹיפְן הַאלְז און אִים דֶערְשְׁטִיקְט, נָאכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפְּרִינְג און אִים דֶערְלַאנְגְט אַ קְלַאפּ אוֹיף זַיין פוּס און אִים גֶע'הַרְגְ'עֶט. זָאגְט דֶער רֶבִּי, עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן - דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר הָאט פַיינְט יֶעדְן אִיד, עֶר וִויל הַרְגְ'עֶנֶען יֶעדְן אִיד, עֶר זוּכְט אוֹיסְצוּרַייסְן פוּן אוּנְז דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, און דוּרְכְדֶעם אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, "מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הַוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי", פַּרְסֵי אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן דַאוֶועןֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, דָאס אִיז מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פֿאַר קינדער

## יֶעדֶער קֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער ווִיל זַיין אַ צַדִיק? וֶוער ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? אַלֶע קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אוֹיס: "אִיךְ... אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִיק", וַוייל יֶעדֶער ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָבֶּער אַסַאךְ מָאל קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע און מַאכְט טְרַאכְטְן 'אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, אִיךְ פַארְגֶעס דִי לֶערְנֶען, און אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ וֵוייניג גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען'; מִיר וֶועלְן יֶעצְט זֶען אִין דִי מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ לֶערְנֶען און צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק.

אַ ווִילְדֶע אִינְגֶל, עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר שְׁפְּרִינְגְט און טַאנְצְט, אוֹיף אַלֶע דֶעכֶער אִיז עֶר גֶעוֶוען, בִּיז אֵיין טָאג עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ סֵפֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָארְט הָאט עֶר גֶעזֶען אַ 'וֶועג צוּ לֶערְנֶען'; אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵיין נִישְׁט זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען, און אֲפִילוּ מֶען פַארְגֶעסְט - זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען, דָאס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעכַאפְּט, דֶער בָּחוּר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג.



אַה, עֶר לֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג...

שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אַרַיין אִין דִי יְשִׁיבָה פוּן הַגָּאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה פַּיְינְשְׁטֵיין זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט,

עֶר הָאט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶערֶעדְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט אוֹיף דִי גְמָרָא אוּן גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, צֶענְדְלִיגֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא הָאט עֶר גֶעזָאגְט יֶעדְן טָאג.

דֶער גָאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה פַיְינְשְׁטֵיין זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם פְלַייסִיגְן בָּחוּר אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבּוֹיגְן אוּן אִים גֶעגְלֶעט זַיְינֶע אַקְסְלֶען אוּן זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען וִוי פְלַייסִיג דֶער בָּחוּר לֶערְנְט.

וֶוען דֶער בָּחוּר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן הָאט עֶר אָפְּגֶענוּמֶען דִי מַזָל טוֹב פוּן דֶעם גָאוֹן רֶבִּי מֹשֶׁה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאט רֶבִּי מֹשֶׁה אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים דֶערְמַאנֶען וֶוען דִי חֲתוּנָה וֶועט זַיין, "אִיךְ וִויל זַיין בַּיי דַיין חֲתוּנָה" - הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער גָאוֹן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה.

וֶוער אִיז גֶעוֶוען דֶער בָּחוּר וָואס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַזוֹי פְלַייסִיג ? דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, עֶר וֶועט זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא - וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

# מהדורת וועבערמאן

**הספר הקדוש הזה נתנדב לזכות**

מוה"ר

# אהרן וועבערמאן

הי"ו

וזוגתו

# בילא שיינדל

תחי'

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון